באורייתא וברא עלמא כך בר נש עסיק באורייתא וקיים עלמא.

אנהויבנדיק פון דעם חידוש וואס יכול (ע"פ תורה — ובמילא) ווערט פון דעם „מאמר אחד (וואס) יכול להבראות" — כהפירוש ספירת הכתר[108], שלמעלה מעשרה מאמרות, ווערט עס דערנאך נמשך אין די עשרה מאמרות, ביז אין „מאמר אחד" בפירושו ספירת המלכות[108], דער סך־הכל פון די עשרה מאמרות, וואס „כתר עליון איהו כתר מלכות"[109].

און דאס ווערט נמשך סיי אין דעם קו פון עבודת „צדיקים" (ליתן שכר טוב לצדיקים שמקיימים את העולם שנברא בעשרה מאמרות), און אויך „להפרע כו'" — עבודת התשובה. ביז מ'קומט צום סיום פון פרק ששי — „ה' ימלוך לעולם ועד".

י. ווי"ל די הוראה מהאמור לעיל בנוגע לפועל:

שטייענדיק אין די שבעת ימי המשתה פון די ימי החתונה (י"א אלול וי"ג אלול), און בהמשך צו יום התייסדות ישיבת תומכי תמימים,

— וואס בשנה זו ווערט צ"ב שנה זינט דער התייסדות הישיבה, און א יובל שנים (חמשים שנה) זינט די ישיבה איז איבערגעפלאנצט געווארן אין חצי כדור התחתון (אין ארצות הברית) —

נוסף אויף דעם וואס ס'איז חודש אלול, ובזה גופא — ערב ח"י אלול, וועלכער גיט אריין א חיות אין דער עבודה פון חודש אלול —

איז נכון ומתאים ביותר אז יעדערער זאל מוסיף זיין אין זיין עבודה אין די שלשה עמודים תורה עבודה וגמילות חסדים.

ובפרטיות: מוסיף זיין אין לימוד התורה בכלל, ובפרט אין תורת החסידות, וואס האט א שייכות מיוחדת צו די ימים במיוחד [נוסף אויף דער שייכות פון חודש אלול בכלל צו לימוד פנימיות התורה — וויבאלד אז דעמולט איז דער גילוי פון „באור פני מלך חיים", „בקשו פני את פניך הוי' אבקש"[110] (בחי' יחידה)[111], וואס דער כלי אויף דאס מקבל זיין איז במיוחד דורך לימוד פנימיות התורה (סתים דאורייתא), וואס דורך דעם נעמט מען סתים דקוב"ה[112], ובפרט דורך תורת החסידות — בחי' יחידה[113]].

א הוספה אין לימוד החסידות פון רבותינו נשיאינו בכלל, ובפרט — בתורת החסידות פון דעם בעש"ט און פון דעם אלטן רבי'ן, און פון דעם רבי'ן נ"ע, כולל — לערנען זיין שיחה הנ"ל ד"ה כל היוצא למלחמת בית דוד, און ספעציעל — אין די דרושי חסידות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו,

כולל ובמיוחד — בקשר מיט דער חתונה — לערנען די דרושי חתונה פון רבותינו נשיאינו וועלכע זיינען מבאר ענין החתונה, ובפרט — די דרושי חתונה וועלכע זיינען געזאגט געווארן בקשר מיט דער חתונה פון כ"ק מו"ח

108) ראה המשך י"ט כסלו תש"ד.

109) תקו"ז בהקדמה — פתח אליהו.

110) תהלים כז, ח.

111) ראה אוה"ת פ' ראה ע' תתג־ד.

112) ראה זח"ג עג, א. לקו"ת ויקרא ה, ג. ובכ"מ.

113) ראה בארוכה קונטרס ענינה של תורת החסידות.

אדמו"ר, אנהויבנדיק פון דעם המשך הידוע שמח תשמח הגדול.

ומה טוב — אז נוסף צו דער איגענער הוספה בלימוד החסידות, זאל מען איינשטעלן בכל מקום האפשרי נייע שיעורים ברבים אין לימוד החסידות (נוסף אויף מחזק ומוסיף זיין אין די שיעורים הקבועים מכבר).

אין דעם קומט צו נאכמער חיות — מצד דעם ספר חדש וואס האט זיך איצטער אפגעדרוקט (און אנגעקומען פון בינדער בערב שבת) — כטבע האדם אז א דבר חדש רופט ארויס ספעציעלע חיות און חביבות — ספר דרושי חסידות פון דעם מיטעלן רבי'ן[114].

ובהשגחה פרטית — רעדט זיך גלייך בהתחלת הספר וועגן אן ענין פון חתונה: בביאור ענין הדלקת המנורה — איז ער מבאר אז דערביי שטייט[115] ויקחו אליך (אל משה), אע"פ וואס די הדלקה איז געווען דורך אהרן — ווייל דערצו האט מען געדארפט האבן משה ואהרן, שושבינא דמלכא און שושבינא דמטרוניתא[116]. „והענין הוא עד"מ השושבינין שמביאים ומייחדים החתן וכלה, ויש שושבינין א' המיוחד להביא הכלה לחדר החתן ליחוד, ושושבינין הב' שמביא את החתן אל הכלה. וזהו רק בשעת וזמן יום החתונה, והוא כמו ענין הדלקת נרות כו'".

ונוסף אויף דער הוספה אין לימוד התורה, ובפרט בתורת החסידות — זאל מען אויך מוסיף זיין אין עבודת התפלה, כמבואר באחרונים[117] אז בחודש אלול איז א זמן המתאים צו מרבה זיין בתפלות ותחנונים, ובפרט בקשר מיט תורת החסידות און התייסדות ישיבה — וואס איז פארבונדן במיוחד מיט עבודת התפלה, כנ"ל.

און אויך — מוסיף זיין אין צדקה, כמנהג ישראל להרבות בצדקה בחודש אלול[118], ובפרט בימים אלו, כולל — די צדקה ברוחניות פון זיין „נרות להאיר" און באלייכטן די וועלט, „לשכן שמו שם", אויף מפרסם זיין אלקות אין וועלט[119], דורך הפצת התורה והיהדות און בפרט — הפצת המעינות חוצה.

יא. אין פארבונד מיט די שבעת ימי המשתה און די התייסדות הישיבה — וואלט אויך געווען א דבר המתאים אז אין די טעג זאל מען מאכן חגיגות — חסיד'ישע פארברענגענישן, בכל מקום ומקום וואו עס געפינט זיך ישיבת תומכי תמימים, אנהויבנדיק פון דער מקום הישיבה המרכזית דא אין ברוקלין ניו יארק, ועד"ז אין ארץ ישראל און אין יעדער ארט וואו ס'איז דא א סניף פון דער ישיבה (אנגערופן מיטן נאמען „תומכי תמימים" אדער „אחי תמימים" וכיו"ב).

און מאכן די חגיגות ברוב עם הדרת מלך, ובהשתתפות פון אלע די וואס האבן געלערנט אין דער ישיבה בעבר (וואס קדושה לא זזה ממקומה — איין מאל אריין אין דער ישיבה פארבלייבט די השפעה לעולם ועד, במשך דעם

---

114) מאמרי אדמו"ר האמצעי שמות חלק ב.

115) ר"פ תצוה.

116) זח"ג כ, א (ברע"מ). נג, ב. ערה, ב. ראה ספר הערכים-חב"ד ערך אהרן ס"ד, וש"נ.

117) ברכ"י או"ח סתקפ"א ס"ו. הובא באלף למטה שם סקט"ו.

118) לקו"ת ראה כה, ב.

119) תורת הבעש"ט הנ"ל הערה 61.

גאנצן לעבן, ובאופן פון מוסיף והולך ואור[120]), אָדער די וואָס שיקן זייערע קינדער אין דער ישיבה, אָדער וועלכע זיינען איינגעווירקט געוואָרן דורך דער ישיבה ותלמידי הישיבה, ועאכו"כ די וואָס לערנען אין דער ישיבה בהוה.

און ס'איז כדאי ממשיך זיין די חגי־גות ביז ח"י אלול, ועד בכלל, ומה טוב (אין די ערטער וואו מ'קען עס דורכ־פירן) — אויך אין די ימים שלאחרי זה, בכל מקום לפי ענינו. און מיט אַ שטו־רעם גדול, אַזוי אַז די חגיגות זאָלן זיין דער עיקר העבודה פון די טעג, ביז אַז מ'זאָל קענען זאָגן — אַז כאילו לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באלול[121] וכיו"ב!

— ס'איז זעלבסטפאַרשטענדיק, אַז מיט די חגיגות דאַרפן אָנפירן הנהלת הישיבה (אַזוי ווי זיי דאַרפן אָנפירן מיט אַלע עניני הישיבה) — די הנהלה וואָס דער מנהל פועל פון דער ישיבה האָט ממנה געווען בחיים חיותו בעלמא דין, אָנהויבנדיק פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס מנהל פועל דורך זיין פאָטער דער רבי נ"ע (כנ"ל), און ער האָט דאָס מקיים גע־ווען במשך אַ ריבוי שנים, און אויך דערנאָך — ווען ער איז געווען דער נשיא ממלא מקומו (לאחרי הסתלקות אביו בשנת תר"פ), איז ער געבליבן דער מנהל פועל באופן קיים ונצחי, און ער האָט געזאָגט אַז ער פאַרלאָזט עס ניט ח"ו[122], נאָר וויבאַלד אַז מ'האָט גע־דאַרפט האָבן אַז מען זאָל זיך דערמיט אָפּגעבן באופן דנשמה בגוף, האָט ער ממנה געווען זיין עלטערן איידעם, חתנו כבנו[123], אַלס דער מנהל פועל, תחת המנהל פועל כ"ק מו"ח אדמו"ר, און כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט אים געגעבן די כחות אויף דורכפירן דעם תפקיד, ווי ער האָט דאָס בפועל דורכגעפירט במשך חיים חיותו בעלמא דין, און אויך דערנאָך — איז פעולתו נמשכת, בנוסף אויף דער פעולה נמשכת עד היום הזה פון דעם מנהל פועל כ"ק מו"ח אדמו"ר,

ובפרט דורך דער הנהלה וועלכע חתנו האָט ממנה געווען און אָנפאַר־טרויט, וואָס זיי זיינען ממשיך אָנפירן מיט דער עבודה ומתוך מסירות נפש און זיינען מצליח בזה, און האָבן אויף דעם די כחות וואָס דער מנהל פועל — כ"ק מו"ח אדמו"ר — האָט זיי געגעבן און איז זיי ממשיך געבן.

סיי די הנהלה רוחנית און סיי די הנהלה גשמית [ולהעיר, אַז די הנהלה רוחנית און הנהלה גשמית דאַרפן זיין באַזונדערע הנהלות. ולאידך — איז אַ דבר המוכרח אַז זיי (עכ"פ די עומדים בראש פון ביידע וועדים) זאָלן זיך צוזאַמענטרעפן מזמן לזמן, און בכדי עס זאָל זיין מיט מער הצלחה — איז אויך כדאי אַז זיי זאָלן ממנה זיין אַ וועד משותף וועלכער באַשטייט פון עטלע־כע מענטשן פון ועד הרוחני און עטלע־כע פון ועד הגשמי].

120) ראה לקו"ש חי"ד ס"ע 323 ואילך.

121) ע"ד מאחז"ל (תענית רפ"ד) בנוגע לחמשה עשר באב (שמכאן ואילך דמוסיף יוסיף — שקאי על הוספה בלימוד התורה), שהוא שלשים יום קודם ט"ו אלול.

122) ראה שיחת שמח"ת תרפ"ח (סה"מ תרפ"ח ע' ר).

123) ב"ר פפ"ד, יט. תנחומא באבער וישב י. רש"י ד"ה נפק שבת כג, ב.

עפ"ז איז מובן, אז די הנהלת הישיבה — הנהלה המרכזית, און אזוי אויך די הנהלה בכל מקום ומקום, וועלכע זיי־נען נתמנה געווארן און פירן דורך זייער תפקיד שוין כו"כ שנים — זאלן אנפירן מיט די חגיגות הנ"ל [נאר דערצו וועט יעדערער המתאים זיכער בעטן צו העלפן די חברי ההנהלה אין דורכפירן די חגיגות ע"פ הוראות ההנהלה].

יב. ועוד: בקשר מיט די חגיגות פארבונדן מיט דער ישיבה — איז אויך כדאי מ'זאל אפדרוקן אן ענין מיוחד אין חסידות, וואס דאס זאל נאכמער צו־געבן אין לימוד החסידות. כולל ובפרט איז כדאי אז מ'זאל אפדרוקן די שיחה הנ"ל פון דעם רבי'ן נ"ע ד"ה כל היוצא למלחמת בית דוד, וואו ער רעדט וועגן דעם תפקיד פון תלמידי הישיבה — על מנת אז מ'זאל דאס לערנען פון־דאס־ניי, לימוד על מנת לעשות, נוסף צו דער הוספה אין לימוד החסידות בכלל, כנ"ל.

יג. ס'איז אויך א דבר נכון ביותר — אז נוסף צו באשטימען נייע שיעורי תורה ושיעורי חסידות בכל מקום האפשרי (כנ"ל) — אז מ'זאל זיך משתדל זיין צו אויפשטעלן בכל מקום המתאים א נייעם סניף פון ישיבת תומכי תמימים (דורך אויפשטעלן א נייע ישיבה ממש, אדער געבן דעם נאמען תומכי תמימים צו א ישיבת חב"ד וועלכע איז שוין דארטן פאראן) — כמובן, מיט רשות בכתב פון דער הנהלה המרכזית פון ישיבת תומכי תמימים אין ברוקלין, וואס זיי וועלן מברר זיין צי דער מקום איז פאסיק (מצד מהות ההנהלה און מהות התלמידים וכו') צו דארט אויפשטעלן א ישיבה מיטן נאמען „תומכי תמימים ליו־באוויטש".

יד. ויה"ר אז די חסידי'שע פאר־ברענגענס, בתוך דער הוספה פון מע־שינו ועבודתינו בכלל — זאל נאכמער צואיילן די גאולה האמיתית והשלימה, ווען מ'וועט אלע צוזאמען פראוועו א חסידי'שן פארברענגען מיט הקיצו ורננו שוכני עפר[124] רבותינו נשיאינו, ווארום צוזאמען מיט משיח צדקנו וועלכער זאגט „שמרה נפשי כי חסיד אני"[125] און תהלתו דהשם בקהל חסידים[126], צוזא־מען מיטן אויבערשטן — חסידו של עולם, ועתיד הקב"ה לעשות מחול לצדיקים כו'[127], ומתוך שמחה גדולה, וועלכע איז פורץ אלע גדרים — בגאו־לה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, יעלה הפורץ לפניהם[128], וועל־כער וועט לערנען מיט אלע אידן פני־מיות התורה[129], סוד טעמי' ומסתר צפו־נותי'[130], ביז אז מלאה הארץ דיעה את ה' כמים לים מכסים[131].

---

124) ישעי' כו, יט.
125) תהלים פו, ב.
126) שם קמט, א; שם, ה.
127) תענית בסופה.
128) אגדת בראשית ספס"ג. ב"ר פפ"ה, ד ובפרש"י שם.
129) ראה לקו"ת צו יז, א.
130) פרש"י שה"ש א, ב.
131) ישעי' יא, ט. רמב"ם סוף הל' מלכים.